דעם רבינ'ס מעשיות

ספּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת
בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ

מעשה י'
מבערגיר ועני (1)
גליון 61

## שַׁבַּת שָׁלוֹם קוֹרְאִים יְקָרִים!

**בְּשִׁיר וָשֶׁבַח לְחַי הָעוֹלָמִים** עַל עַד הֵנָּה, וּבִתְפִלָּה לְהַבָּא אָנוּ מַתְחִילִים הַשָּׁבוּעַ אֶת **מַעֲשֶׂה י"א מִבֶּערְגִיר וְעָנִי**, שֶׁגַּם כֵּן מִפְּנֵי אֲרִיכוּתוֹ, יִתְפָּרֵס בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ עַל כַּמָּה שָׁבוּעוֹת.

**כְּשֶׁמַּתְחִילִים לִמּוּד חָדָשׁ**, חָשׁוּב מְאֹד לָבוֹא בִּתְמִימוּת וּבְהִתְחַדְּשׁוּת, כְּאִלּוּ אָנוּ שׁוֹמְעִים וְלוֹמְדִים אֶת הַמַּעֲשֶׂה בַּפַּעַם הָרִאשׁוֹנָה, כָּךְ אֶפְשָׁר לְגַלּוֹת חִיּוּת וְאוֹר חָדָשׁ לְגַמְרֵי בְּתוֹךְ הַמַּעֲשֶׂה.

**לִפְנֵי הַכֹּל** כְּדַאי שֶׁנָּבִין מַה זֶּה בֶּערְגִיר? בֶּערְגִיר פֵּרוּשׁוֹ "סוֹחֵר" (וְלֹא עָשִׁיר כְּמוֹ שֶׁהַרְבֵּה טוֹעִים לַחְשֹׁב) אֶחָד שֶׁעוֹסֵק בְּמַשָּׂא וּמַתָּן לְפַרְנָסָתוֹ וְאֵינוֹ נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת, וּמַה זֶּה עָנִי? כָּל אֶחָד יוֹדֵעַ, שֶׁזֶּה אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ וְהוּא נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת. עִקַּר הָעֲשִׁירוּת, **מְלַמֵּד אוֹתָנוּ רַבֵּנוּ ז"ל,** שֶׁזֶּה בְּדַעַת! **"כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲזַ"ל** (נדרים מ"א)**: "דַּעַת קָנִיתָ מַה חָסַרְתָּ, וְאִם דַּעַת חָסַרְתָּ מַה קָנִיתָ", כִּי עִקַּר הַחִסָּרוֹן וְהַשְּׁלֵמוּת תָּלוּי בַּדַּעַת"** (ליקו"מ קמא כ"א) לָכֵן הַבֶּערְגִיר הַכַּוָּנָה לְבַר דַּעַת אֲמִתִּי, שֶׁיֵּשׁ לוֹ כָּל כָּךְ דַּעַת, שֶׁנּוֹשֵׂא וְנוֹתֵן מִדַּעְתּוֹ גַּם לַאֲחֵרִים, שֶׁזֶּה הַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי שֶׁבַּדּוֹר **"וְהָיוּ הַוֶּועקְסְלֶען [שְׁטָרוֹת] וְהַבְּרִיב [מִכְתָּבִים] שֶׁלּוֹ הוֹלְכִין עַל הָעוֹלָם"**, שֶׁזֶּה הַתּוֹרָה שֶׁל הַצַּדִּיק שֶׁשָּׁם עִקַּר דַּעְתּוֹ, שֶׁהוֹלֵךְ עַל פְּנֵי כָּל הָעוֹלָם...

**וְהֶעָנִי הַכַּוָּנָה** הֶעָנִי בְּדַעַת! כְּמוֹ **שֶׁרַבֵּנוּ ז"ל** מְלַמֵּד (ליקו"מ קמא כ"א) **"כָּל הַחֶסְרוֹנוֹת שֶׁיֵּשׁ לְאָדָם-הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ בְּרִיאוּת הַגּוּף וְכָל שְׁאָר הַחֶסְרוֹנוֹת-הַכֹּל הוּא בְּחֶסְרוֹן הַדַּעַת" כִּי "אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת"** (נדרים מ"א) וְכָל הַיִּסּוּרִים שֶׁל הֶעָנִי שֶׁנִּרְאֶה גַּם בְּהֶמְשֵׁךְ הַמַּעֲשֶׂה, וְגַם הַמִּדּוֹת הָרָעוֹת שֶׁלּוֹ הַכֹּל נִמְשָׁךְ מֵחֹסֶר הַדַּעַת שֶׁלּוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: **"וְכֵן כַּעַס וְאַכְזָרִיּוּת הוּא מֵחֶסְרוֹן הַדַּעַת"** (ליקו"מ קמא כ"א) וְכָל אֶחָד מֵאִתָּנוּ יֵשׁ לוֹ אֶת הַבְּחִינָה שֶׁל עָנִי בְּדַעַת, כָּל אֶחָד וְחֶסְרוֹנוֹ, שֶׁצְּרִיכִים מְאֹד לַצַּדִּיק, כְּמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִים בַּמַּעֲשֶׂה, שֶׁכָּל הַשֶּׁפַע וְהַטּוֹבָה שֶׁהָיָה לֶעָנִי הַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי הַבֶּערְגִיר.

**זוֹ הַקְדָּמָה חֲשׁוּבָה מְאֹד,** כְּדֵי שֶׁנּוּכַל לְהָבִין נָכוֹן אֶת הַמַּעֲשֶׂה, וּלְהוֹרִיד אֶת הַדְּבָרִים הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה. הַהֲבָנָה, שֶׁכָּל הַיִּסּוּרִים וְהַצָּרוֹת שֶׁעוֹבֵר עָלֵינוּ הַכֹּל נִמְשָׁךְ מֵחֶסְרוֹן הַדַּעַת, חָסֵר לָנוּ דַּעַת אֲמִתִּי, **וְעִקַּר הַדַּעַת הוּא אֵצֶל הַבֶּערְגִיר שֶׁזֶּה הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁמִּמֶּנּוּ הַכֹּל.**

**שַׁבַּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ!**



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת - מַעֲשֶׂה י' מִבֶּערְגִּיר וְעָנִי (1)
# שֶׁסִּפְּרָהּ רַבֵּנוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א - בלשה"ק

**מַעֲשֶׂה, פַּעַם אַחַת הָיָה בֶּערְגִּיר. וְהָיָה עָשִׁיר מֻפְלָג מְאֹד,** וְהָיָה לוֹ סְחוֹרוֹת רַבּוֹת מְאֹד וְכַיּוֹצֵא. וְהָיוּ הַוֶועקְסְלֶען וְהַבְּרִיב שֶׁלּוֹ הוֹלְכִין עַל הָעוֹלָם, וְהָיָה לוֹ כָּל טוּב.

**וּלְמַטָּה מִמֶּנּוּ הָיָה דָּר עָנִי אֶחָד,** שֶׁהָיָה עָנִי גָּדוֹל מְאֹד, וְהָיָה לוֹ כָּל הַהֵפֶךְ מִן הַבֶּערְגִּיר הֶעָשִׁיר. וּשְׁנֵיהֶם הָיוּ חֲשׂוּכֵי־בָנִים: לָזֶה לֹא הָיָה בָּנִים וְכֵן לָזֶה.

**פַּעַם אֶחָד** חָלַם לְהַבֶּערְגִּיר, שֶׁבָּאוּ אֲנָשִׁים וְעָשׂוּ חֲבִילוֹת חֲבִילוֹת, דְּהַיְנוּ פַּאקִין פַּאקִין. וְשָׁאַל אוֹתָם: מָה אַתֶּם עוֹשִׂים? וְהֵשִׁיבוּ: לָשֵׂאת הַכֹּל אֶל הֶעָנִי הַנַּ"ל.

**וְחָרָה לוֹ מְאֹד מְאֹד** עַל שֶׁהֵם רוֹצִים לָשֵׂאת כָּל הוֹנוֹ מִבֵּיתוֹ אֶל הֶעָנִי, וְלִכְעֹס עֲלֵיהֶם אִי־אֶפְשָׁר, שֶׁהֵם אֲנָשִׁים רַבִּים.

**וְהֵם עָשׂוּ חֲבִילוֹת חֲבִילוֹת** מִכָּל אֲשֶׁר הָיוּ לוֹ מִכָּל סְחוֹרוֹתָיו וְהוֹנוֹ וּרְכוּשׁוֹ, וְנָשְׂאוּ הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל אֶל בֵּית הֶעָנִי הַנַּ"ל, וְלֹא הִשְׁאִירוּ כְּלוּם בְּבֵיתוֹ **כִּי אִם דָּפְנוֹת הַבַּיִת רֵיקָם.** וְחָרָה לוֹ מְאֹד מְאֹד,

**וְהֵקִיץ וַיַּרְא וְהִנֵּה חֲלוֹם.** וְאַף שֶׁרָאָה שֶׁהוּא חֲלוֹם, וּבָרוּךְ הַשֵּׁם, הַכֹּל אֶצְלוֹ, אַף־עַל־פִּי־כֵן הָיָה לִבּוֹ נוֹקְפוֹ מְאֹד. וְחָרָה לוֹ הַדָּבָר מְאֹד מְאֹד עַל דְּבַר הַחֲלוֹם, וְלֹא הָיָה יָכוֹל לָצֵאת מִדַּעְתּוֹ דְּבַר הַחֲלוֹם הַנַּ"ל.

**וְהֶעָנִי הַנַּ"ל** עִם זוּגָתוֹ הָיָה רָגִיל גַּם מִקֹּדֶם לְהַשְׁגִּיחַ עֲלֵיהֶם וְלָתֵת לָהֶם מִסַּת־יָדוֹ,

**וְעַכְשָׁו,** אַחַר הַחֲלוֹם, **נָתַן עֲלֵיהֶם הַשְׁגָּחָה יוֹתֵר מִקֹּדֶם,** אַךְ בְּכָל עֵת שֶׁהָיוּ בָּאִים לְבֵיתוֹ, הֶעָנִי אוֹ אִשְׁתּוֹ, הָיוּ מִשְׁתַּנִּים פָּנָיו, וְנִבְהַל מִפְּנֵיהֶם מֵחֲמַת הַחֲלוֹם שֶׁזָּכַר. וְהֵם הֶעָנִי עִם אִשְׁתּוֹ, הָיוּ רְגִילִים לִפְרָקִים אֶצְלוֹ, וְהָיוּ אֶצְלוֹ נִכְנָסִים וְיוֹצְאִים.

**פַּעַם אַחַת** בָּאתָה אֶצְלוֹ אֵשֶׁת הֶעָנִי הַנַּ"ל, וְנָתַן לָהּ מַה שֶּׁנָּתַן. וְנִשְׁתַּנָּה צוּרָתוֹ וְנִבְהַל וְנִשְׁתּוֹמֵם מְאֹד. שָׁאֲלָה אוֹתוֹ הָעֲנִיָּה הַנַּ"ל: אֲבַקֵּשׁ מְחִילָה מִכְּבוֹדְכֶם. תַּגִּידוּ לִי. מַה זֹּאת, שֶׁבְּכָל עֵת אֲשֶׁר אָנוּ בָּאִים אֶצְלְכֶם, מִשְׁתַּנִּים פְּנֵיכֶם מְאֹד? סִפֵּר לָהּ כָּל אוֹתוֹ הָעִנְיָן, שֶׁחָלַם לוֹ כַּנַּ"ל, **וּמֵאוֹתוֹ הַיּוֹם** לִבּוֹ נוֹקְפוֹ מְאֹד וְכוּ' כַּנַּ"ל,

**הֵשִׁיבָה לוֹ:** הַאִם הָיָה הַחֲלוֹם בְּאוֹתוֹ הַלַּיְלָה פְּלוֹנִית שֶׁאָמְרָה לוֹ? הֵשִׁיב לָהּ: הֵן, וּמַה בָּזֶה? הֵשִׁיבָה לוֹ: בְּאוֹתוֹ הַלַּיְלָה חָלַם לִי גַּם־כֵּן שֶׁאֲנִי עֲשִׁירָה גְּדוֹלָה, וּבָאוּ אֲנָשִׁים לְתוֹךְ בֵּיתִי וְעָשׂוּ פַּאקִין פַּאקִין וּשְׁאַלְתִּים: לְהֵיכָן אַתֶּם נוֹשְׂאִים? הֵשִׁיבוּ: אֶל אוֹתוֹ הֶעָנִי, הַיְנוּ לְהַבֶּערְגִּיר הַנַּ"ל, שֶׁקְּרָאוּהוּ עַכְשָׁו עָנִי. עַל כֵּן מָה אַתָּה מַשְׁגִּיחַ עַל חֲלוֹם, הֲלֹא אַף אֲנִי בַּחֲלוֹמִי?

**וְהוּא נִבְהַל וְנִשְׁתּוֹמֵם** עַכְשָׁו יוֹתֵר וְיוֹתֵר עַל שֶׁשָּׁמַע עוֹד אֶת חֲלוֹמָהּ, שֶׁהַדָּבָר נִרְאֶה, שֶׁיִּשְּׂאוּ עֲשִׁירוּתוֹ וּרְכוּשׁוֹ אֵצֶל הֶעָנִי, וְדַלּוּת שֶׁל הֶעָנִי יִשְּׂאוּ אֶצְלוֹ, וְנִבְהַל מְאֹד מְאֹד.

**וַיְהִי הַיּוֹם,** וְנָסְעָה אֵשֶׁת הַבֶּערְגִּיר עִם עֶגְלוֹת־צָב לְטַיֵּל, וְלָקְחָה עִמָּהּ רֵעוֹתֶיהָ, וְלָקְחָה גַּם אֵשֶׁת הֶעָנִי עִמָּהּ, וְנָסְעוּ עַל הַטִּיּוּל.

**וְהִנֵּה עָבַר אִישׁ חַיִל,** אָדוֹן (שֶׁקּוֹרִין יֶעדְנִירַאל), עִם הַחַיִל שֶׁלּוֹ, וּפָנוּ אֶל הַצַּד מִן הַדֶּרֶךְ בִּשְׁבִילוֹ. וְעָבַר הַחַיִל, וַיַּרְא שֶׁנּוֹסְעִים נָשִׁים, וְצִוָּה שֶׁיּוֹצִיאוּ אַחַת מִן הַנָּשִׁים שֶׁנָּסְעוּ לְטַיֵּל,

**וְהָלְכוּ וְהוֹצִיאוּ** אֶת אֵשֶׁת הֶעָנִי, וְחָטְפוּ אוֹתָהּ בְּתוֹךְ הָעֶגְלַת־צָב שֶׁל הַיֶּעדְנִירַאל וְנָסְעוּ עִמָּהּ, וּבְוַדַּאי אִי אֶפְשָׁר לַהֲשִׁיבָהּ, כִּי נָסַע לְהַלָּן. בִּפְרָט אִישׁ חַיִל,

יֶעדְנִירַאל עִם חֵילוֹתָיו. וּלְקָחָהּ וְנָסַע עִמָּהּ לַמְּדִינָה שֶׁלּוֹ,

**וְהִיא הָיְתָה יִרְאַת שָׁמַיִם**, וְלֹא רָצְתָה לִשְׁמֹעַ לוֹ כְּלָל, וְהָיְתָה בּוֹכָה מְאֹד, וְהָיוּ מְבַקְּשִׁים וּמְפַתִּים אוֹתָהּ, **וְהִיא הָיְתָה יִרְאַת שָׁמַיִם בְּיוֹתֵר**. וְהֵם שָׁבוּ לְבֵיתָם מִן הַטִּיּוּל, וְהִנֵּה נִלְקְחָה הָעֲנִיָּה הַנַּ"ל. **וְהָיָה הֶעָנִי מִתְאַבֵּל וּבוֹכֶה וּמִתְמַרְמֵר מְאֹד מְאֹד** עַל אִשְׁתּוֹ תָּמִיד.

**פַּעַם אַחַת** עָבַר הַבֶּערְגֶיר אֵצֶל בֵּית הֶעָנִי. שָׁמַע שֶׁהוּא בּוֹכֶה וּמִתְמַרְמֵר מְאֹד מְאֹד. נִכְנַס וּשְׁאָלוֹ: מָה אַתָּה מִתְמַרְמֵר וּבוֹכֶה כָּל־כָּךְ? הֱשִׁיבוֹ: וְכִי לֹא אֶבְכֶּה? **וּמַה נִּשְׁאַר לִי?** יֵשׁ שֶׁנִּשְׁאָר לָהֶם הָעֲשִׁירוּת אוֹ בָּנִים. אֲנִי אֵין לִי כְּלוּם, וְגַם אִשְׁתִּי נִלְקְחָה מִמֶּנִּי, **וּמַה נִּשְׁאַר לִי?** וְנִכְמַר לִבּוֹ שֶׁל הַבֶּערְגֶיר עַל הֶעָנִי הַנַּ"ל,

**וְנִתְעוֹרְרוּ רַחֲמָיו עָלָיו** מְאֹד מְאֹד מִגֹּדֶל הַמְּרִירוּת שֶׁרָאָה בּוֹ, **וְהָלַךְ וְעָשָׂה דָּבָר מִבֹהָל**, וּבֶאֱמֶת הָיָה שִׁגָּעוֹן, וְהָלַךְ וְשָׁאַל בְּאֵיזֶה מְדִינָה דָּר הַיֶּעדְנִירַאל הַנַּ"ל. וְהָלַךְ וְנָסַע לְשָׁם, **וְעָשָׂה דָּבָר מְבֹהָל מְאֹד** וְהָלַךְ לְבֵית הַיֶּעדְנִירַאל, וְשָׁם עוֹמְדִים (וַואכְין),

**וְהוּא**, מִגֹּדֶל הַבֶּהָלָה שֶׁלּוֹ מְאֹד מְאֹד נִשְׁתּוֹמֵם, **וְהָלַךְ בְּבֶהָלָה גְּדוֹלָה**, וְלֹא הִשְׁגִּיחַ כְּלָל עַל הַוַּואכְין, וְגַם הַוַּואכְין נִבְהֲלוּ וְנִשְׁתּוֹמְמוּ מְאֹד מֵחֲמַת שֶׁרָאוּ פִּתְאֹם בֶּן־אָדָם אֶצְלָם מְבֹהָל מְאֹד, וְנִבְהֲלוּ מְאֹד. אֵיפֹה בָּא זֶה לְכָאן?

**וּמֵחֲמַת הַבֶּהָלָה הִנִּיחוּהוּ כָּל הַוַּואכְין**, וְעָבַר עַל כָּל הַוַּואכְין, עַד שֶׁנִּכְנַס לְבֵית הַיֶּעדְנִירַאל, לַמָּקוֹם שֶׁהָיְתָה שׁוֹכֶבֶת שָׁם, וּבָא וֶהֱקִיצָהּ וְאָמַר לָהּ: בּוֹא, וְרָאֲתָה אוֹתוֹ וְנִבְהֲלָה. וְאָמַר לָהּ: תֵּכֶף בּוֹא עִמִּי, וְהָלְכָה עִמּוֹ, **וְעָבְרוּ גַּם עַתָּה עַל כָּל הַוַּואכְין**, עַד שֶׁיָּצְאוּ.

**וַאֲזַי תֵּכֶף נִבְהַל** וְנִזְכַּר מַה שֶּׁעָשָׂה דָּבָר כָּזֶה, וְהֵבִין שֶׁבְּוַדַּאי תֵּכֶף יִהְיֶה נַעֲשֶׂה רַעַשׁ גָּדוֹל, וְכֵן הֲוָה, שֶׁנַּעֲשָׂה שָׁם תֵּכֶף רַעַשׁ גָּדוֹל אֵצֶל הַיֶּעדְנִירַאל. **וְהָלַךְ וְהִטְמִין** עַצְמוֹ בְּתוֹךְ **בּוֹר** אֶחָד שֶׁהָיָה עִם מֵי גְשָׁמִים עַד שֶׁיַּעֲבֹר הָרַעַשׁ, וְשָׁהָה שָׁם עִמָּהּ שְׁנֵי יָמִים בְּתוֹךְ **הַבּוֹר**,

**וְרָאֲתָה הָאִשָּׁה** הַנַּ"ל גֹּדֶל הַמְּסִירַת נֶפֶשׁ שֶׁהָיָה לוֹ בִּשְׁבִילָהּ וְהַצָּרוֹת שֶׁסּוֹבֵל בִּשְׁבִילָהּ, **וְנִשְׁבְּעָה בַּהּ'**, שֶׁכָּל הַמַּזָּל שֶׁיֵּשׁ לָהּ, אֶפְשָׁר יֵשׁ לָהּ אֵיזֶה מַזָּל שֶׁיִּהְיֶה לָהּ אֵיזֶה גְּדֻלָּה וְהַצְלָחָה, שֶׁיִּהְיֶה **כָּל הַצְלָחָה שֶׁלָּהּ לֹא נִמְנָע מֵאִתּוֹ**, וְאִם יִרְצֶה לִקַּח לְעַצְמוֹ כָּל הַצְלָחָה וּגְדֻלָּה שֶׁלָּהּ, וְהִיא תִּשָּׁאֵר כְּמִקֹּדֶם, לֹא יִמְנַע מִמֶּנּוּ כְּלָל.

**וְאֵיךְ מוֹצְאִים שָׁם עֵדוּת?** וְלָקַח אוֹתוֹ **הַבּוֹר** לְעֵדוּת. אַחַר שְׁנֵי יָמִים יָצָא עִמָּהּ מִשָּׁם וְהָלַךְ לְהַלָּן, וְהָיָה הוֹלֵךְ וּבָא עִמָּהּ לְהַלָּן לְהַלָּן, וְהֵבִין שֶׁגַּם שָׁם בְּאוֹתוֹ הַמָּקוֹם מְחַפְּשִׂים אַחֲרָיו.

**וְהָלַךְ עוֹד**, וְהֶחְבִּיא עַצְמוֹ עִמָּהּ בְּתוֹךְ **מִקְוֶה**, וְנִזְכְּרָה שׁוּב בְּגֹדֶל הַמְּסִירוּת נֶפֶשׁ וְהַצָּרָה שֶׁסּוֹבֵל בִּשְׁבִילָהּ, וְנִשְׁבְּעָה עוֹד הַפַּעַם כַּנַּ"ל, וְלָקְחָה אֶת **הַמִּקְוֶה** לְעֵדוּת. וְהָיוּ שָׁם גַּם־כֵּן בְּעֵרֶךְ שְׁנֵי יָמִים, וְיָצְאוּ וְהָלְכוּ לְהַלָּן.

**וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים**, שֶׁהֶחְבִּיא עַצְמוֹ עִמָּהּ בִּמְקוֹמוֹת אֲחֵרִים כַּיּוֹצֵא בָּאֵלּוּ, דְּהַיְנוּ **בְּשִׁבְעָה מְקוֹמוֹת שֶׁל מַיִם**, וְהֵם **בּוֹר וּמִקְוֶה**, כַּנַּ"ל, **וַאֲגַמִּים וּמַעְיָן וּנְחָלִים וּנְהָרוֹת וְיַמִּים**,

**וּבְכָל מָקוֹם וּמָקוֹם** שֶׁהָיוּ נֶחְבָּאִים שָׁם, נִזְכְּרָה בִּמְסִירוּת נַפְשׁוֹ וְצָרָתוֹ בִּשְׁבִילָהּ, וְנִשְׁבְּעָה לוֹ, כַּנַּ"ל, וְלָקְחָה אוֹתוֹ **הַמָּקוֹם** לְעֵדוּת, כַּנַּ"ל, וְהָלְכוּ וּבָאוּ,

**וְהָיוּ מַחְבִּיאִים עַצְמָם** בְּכָל פַּעַם בְּמַחֲבוֹאוֹת הַנַּ"ל, עַד שֶׁבָּאוּ עַל הַיָּם.

**כְּשֶׁבָּאוּ עַל הַיָּם**, וְהוּא הָיָה סוֹחֵר גָּדוֹל, וְהָיָה מַכִּיר הַדְּרָכִים עַל הַיָּם, וְחָתַךְ עַצְמוֹ לָבוֹא לִמְדִינָתוֹ, עַד שֶׁעָבַר וּבָא לְבֵיתוֹ עִם אֵשֶׁת הֶעָנִי הַנַּ"ל, וֶהֱשִׁיבָהּ לְהֶעָנִי, **וְהָיָה שִׂמְחָה גְּדוֹלָה שָׁם**.

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת - מַעֲשֶׂה י' מִבֶּעֶרְגִיר וְעָנִי (1)

# וָואס הָאט דֶערְצֵיילְט רַבֵּנוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א - אידיש

**מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ בֶּערְגִיר** (דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר) עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר. עֶר הָאט גִיהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ סְחוֹרוֹת. אוּן זַיינֶע וֶועקְסְלֶען אוּן זַיינֶע בְּרִיוו זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. **אוּן עֶר הָאט גִיהַאט כָּל טוּב.** נִידִירִיקֶער פוּן אִים הָאט גִיוואוֹינְט **אֵיין אָרוּם מַאן.** וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער ארוּם מַאן.

**אוּן** עֶר הָאט גִיהַאט גָאר דֶעם הֵיפֶּךְ פוּן דֶעם בֶּערְגֶער (דְהַיְינוּ גָאר פַארְקֶערְט אַזוֹי וִוי דֶער בֶּערְגֶער אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אַזוֹי אִיז עֶר גִיוֶוען פַארְקֶערְט אַ גְרוֹיסֶער אָרוּמַאן) **אוּן דִי בֵּיידֶע הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט.** דֶער בֶּערְגֶער הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט. אוּן אַזוֹי דֶער אָרוּם מַאן הָאט אוֹיךְ קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט.

**אַמָאל הָאט זִיךְ גִחָלִימְט דֶער בֶּערְגֶער.** אַז סֶע זֶענֶען גִיקוּמֶען מֶענְשְׁן אוּן הָאבִּין גִימַאכְט פַּאקִין. הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט וָואס טוּט אִיר הָאבִּין זֵיי גִיעֶנְפֶּערְט. זֵיי ווִילִין דָאס אִין גַאנְצִין אַוֶועק טְרָאגִין **הָאט צוּ דֶעם אָרוּם מַאן** (דְהַיְינוּ דֶעם אָרוּם מַאן וָואס עֶר הָאט אוּנְטֶער אִים גִיוואוֹינְט כַּנַ"ל)

**הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסִין** אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גִיוֶוען. נָאךְ וָואס זֵיי ווִילִין זַיין גַאנְץ עַשִׁירוֹת אַוֶועק טְרָאגִין צוּ דֶעם אָרוּם מַאן. אוּן בֵּייזֶערִין זִיךְ קָאן מֶען זִיךְ נִיט. וָוארִין זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען אַסַאךְ מֶענְשִׁין. אוּן זֵיי הָאבִּין גִימַאכְט פַּאקִין פוּן גָאר זַיין פַארְמֶעגִינִיס. פוּן אַלֶע זַיינֶע סְחוֹרוֹת. אוּן פוּן גָאר זַיין גוּטְץ אוּן הָאבִּין עֶס גָאר אִין גַאנְצִין אַוֶועק גִיטְרָאגִין צוּם דֶעם אָרוּם מַאן הַנַ"ל. אוּן זֵיי הָאבְּן בַּיי אִים גָאר נִיט גִילָאזְט נָאר דִי לֵיידִיקֶע וֶוענְט. **הָאט עֶס אִים זֵייעֶר גִיאַרְט.**

**דֶערְוַוייל** הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז סֶע אִיז אַ חָלוֹם. אוּן כָאטְשֶׁע עֶר הָאט גִיזֶעהְן אַז סֶע אִיז נָאר אַ חָלוֹם. אוּן סֶע אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיי אִים זַיין פַארְמֶעגִינִיס אִין גַאנְצְן. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט. הָאט אִים דָאס הַארְץ זֵייעֶר גִיקְלַאפֶּערְט אוּן סֶע הָאט אִים זֵייעֶר גִיהַארְט דֶער חָלוֹם. אוּן סֶע הָאט אִים נִיט גִיקָאנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם זִין דֶער חָלוֹם.

**אוּן דֶער אָרוּם מַאן** (הַנַ"ל) מִיט זַיין וַוייבּ. פְלֶעגְט דֶער בֶּערְגֶער פְּרִיר אוֹיךְ הַשְׁגָחָה גִיבִּין אוֹיף זֵיי. אוּן פְלֶעגְט זֵיי אָפְּט צוּ גִיבִּין. **אוּן הַיינְט נָאךְ** דֶעם חָלוֹם. הָאט עֶר אוֹיף זֵיי **מֶער הַשְׁגָחָה גִיגִיבְּן אֵיידֶער פְּרִיר.**

**נָאר וֶוען** זֵיי פְלֶעגְן צוּ אִים אַרַיין צוּ קוּמֶען דֶער אָרוּם מַאן. אוֹדֶער זַיין וַוייבּ. **פְלֶעגְט** אִים דָאס פָּנִים נִשְׁתַּנָה וֶוערִין (דְהַיְינוּ פַארְעֶנְדֶערְט גִיוָוארִין) אוּן עֶר אִיז פַאר זֵיי דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין מַחְמַת עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען דֶעם חָלוֹם. אוּן זֵיי דְהַיְינוּ דֶער אָרוּם מַאן מִיט זַיין וַוייבּ. פְלֶעגִין אָפְט צוּ אִים אַרַיין צוּ גֵיין. אוּן זֵיי זֶענֶען בַּיי אִים אָפְּט גִיוֶוען.

**אַמָאל** אִיז צוּ אִים אַרַיין גִיקוּמֶען דֶעם אָרוּמַאנְס וַוייבּ. הָאט עֶר אִיר גִיגִיבְּן וָואס עֶר הָאט אִיר גִיגִיבְּן. אוּן זַיין צוּרָה אִיז אִים נִשְׁתַּנָה גִיוָוארִין אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין הָאט זִי אִים גִיפְרֶעגְט אוּן הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער אַייעֶר כָּבוֹד. זָאגְט מִיר וָואס אִיז דָאס. אַז וֶוען מִיר קוּמֶען צוּ אַייךְ. וֶוערְט אַייעֶר פָּנִים זֵייעֶר פַארְעֶנְדֶערְט.

**הָאט עֶר אִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.** בַּאֲשֶׁר סֶע הָאט זִיךְ אִים אַזוֹי גִיחָלִימְט. (כַּנַ"ל) אוּן זִינְט דֶעמוּלְט אָן קְלַאפֶּערְט אִים דָאס הַארְץ זֵייעֶר (כַּנַ"ל)

**הָאט זִי אִים גִיעֶנְפֶּערְט.** אִיז דֶער חָלוֹם נִיט גִיוֶוען אִין דֶער אוּן דֶער נַאכְט. (וָואס זִי הָאט אִים גִיזָאגְט) **עֶנְפֶּערְט עֶר אִיר.** יוֹא. וָואס אִיז דֶען. **עֶנְפֶּערְט זִי אִים.** אִין דֶער נַאכְט. הָאט זִיךְ מִיר אוֹיךְ גִיחָלִימְט. אַז אִיךְ בִּין אַ גְרוֹיסֶע עַשִׁירָת. אוּן סֶע זֶענֶען גִיקוּמֶען מֶענְשְׁן צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. אוּן הָאבִּין

גִימַאכְט פַּאקִין. **הָאבּ אִיךְ זֵיי גִיפְרֶעגְט.** וִוי הִין וִוילְט אִיר דָאס טְרָאגִין. **הָאבִּין זֵיי גִיעֶנְפֶערְט.** צוּ דֶעם אָרוּם מַאן (דְהַיינוּ צוּם בֶּערְגֶער וָואס זֵיי רוּפִין אִים שׁוֹין הַיינְט אָרוּם מַאן)

**בְּכֵן וָואס קוּקְסְטוּ אוֹיף אַ חָלוֹם.** אַלְמַיי מִיר הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִיחָלְמְ'ט.

**אוּן דֶער בֶּערְגֶער** אִיז **הַיינְט** נָאךְ מֶער דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין אוּן אִיז פַּארְטוּמִילְט גִיוָוארִין. וַוייל עֶר הָאט דֶערְהֶערְט אִיר חָלוֹם אוֹיךְ. וָוארִין עֶס וַוייזְט עֶפֶּעס אוֹיס. אַז מֶען זָאל אִיבֶּער טְרָאגִין זַיין עַשִׁירוֹת מִיט זַיין גוּטְץ צוּם אָרוּם מַאן. אוּן דֶעם אָרוּמַאנְס דַלוּת זָאל מֶען אִים אִיבֶּער טְרָאגְן. **אִיז עֶר זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין.**

**וַיְהִי הַיּוֹם** אִיז דִי בֶּערְגֶערִין גִיפָארִין שְׁפַּאצִירְן זִיךְ מִיט אַ קַארֶעטֶע. אוּן זִי הָאט מִיט גִינוּמֶען מִיט זִיךְ נָאךְ וַוייבֶּער. אוּן דֶעם אָרוּמַאנס וַוייבּ הָאט זִי אוֹיךְ מִיט גִינוּמֶען. אוּן זֶענֶען גִיפָארִין נַאשְׁפַּאצִיר.

**דֶערְוַוייל.** אִיז דוֹרְךְ גִיפָארִין אַ יֶעדְנִירַאל מִיט זַיין חַיִל. הָאבִּין זֵיי אִים אָפְּגִיטְרֶעטִין פוּן דֶעם וֶועג. אִיז דָאס חַיִל דוֹרְךְ גִיגַאנְגֶען.

**הָאט** דֶער יֶעדְנִירַאל גִיזֶעהְן אַז סֶע פָארִין וַוייבֶּער, הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז מֶען זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען אֵיינֶע פוּן זֵיי

**זֶענֶען זֵיי** גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין אַרוֹיס גִינוּמֶען דֶעם אָרוּמַאנְס וַוייבּ. אוּן זֵיי הָאבִּין זִי אַרַיין גִיחַאפְּט אִין דֶעם יֶעדְנִירַאלְס קַארֶעטֶע אוּן זֶענֶען מִיט אִיר אַוֶועק גִיפָארִין. **קְרִיק נֶעמֶען** קָאן מֶען שׁוֹין אַוַודְאַי נִיט. וָוארִין עֶר אִיז וַוייטֶער אַוֶועק גִיפָארִין. בִּפְרַט אַ יֶעדְנִירַאל מִיט זַיין חַיִל. אוּן דֶער יֶעדְנִירַאל הָאט זִי גִינוּמֶען. אוּן אִיז מִיט אִיר גִיפָארִין אִין זַיין מְדִינָה אַרַיין

**אוּן זִי אִיז גִיוֶוען אַ יִרְאַת שָׁמַיִם** (דְהַיינוּ זִי הָאט מוֹרָא גִיהַאט פַאר גָאט) אוּן זִי הָאט אִים גָאר נִיט גִיוָואלְט צוּ הֶערִין אוּן זִי הָאט זֵייעֶר גִיוֵויינְט. אוּן מֶען הָאט זִי זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. אוּן מֶען הָאט זִי אָן גִירֶעט. **אוּן זִי אִיז אָבֶּער גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע יִרְאַת שָׁמַיִם.**

**אוּן זֵיי** (דְהַיינוּ דִי בֶּערְגֶערִין מִיט דִי אִיבְּרִיקֶע וַוייבֶּער) הָאבִּין זִיךְ אוּם גִיקֶערְט פוּן דֶעם שְׁפַּאצִירְן. אוּן דֶעם אָרוּם מַאנְס וַוייבּ אִיז נִיט דָא. הָאט דֶער אָרוּם מַאן זֵייעֶר גִיוֵויינְט אוּן הָאט זִיךְ גִישְׁלָאגִין קָאפּ אִין דֶער וַואנְט אוּן הָאט **תָּמִיד זֵייעֶר גִיטְרוֹיעֶרְט** אוֹיף זַיין וַוייבּ.

**אַמָאל אִיז דֶער בֶּערְגֶער** פִּיר גִיגַאנְגֶען פַאר דֶעם אָרוּמַאנְס שְׁטוּב. הָאט עֶר גִיהֶערְט וִוי דֶער אָרוּם מַאן וֵוינְט זֵייעֶר בִּיטֶער אוּן שְׁלָאגְט זִיךְ קָאפּ אִין דֶער וַואנְט. אִיז דֶער בֶּערְגֶער צוּ אִים אַרַיין גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. וָואס וֵויינְסְטוּ אַזוֹי שְׁטַארְק.

**הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט.** פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִיט וֵויינֶען. וָואס אִיז מִיר דֶען גִיבְּלִיבְּן. בַּיי אֵינֶעם בְּלַייבְּט דָאס **עַשִׁירוֹת.** אָדֶער סֶע בְּלַייבְּט **קִינְדֶער.** אִיךְ הָאבּ גָאר נִיט. אוּן מַיין **וַוייבּ** הָאט מֶען אוֹיךְ בַּיי מִיר אַוֶועק גִינוּמֶען. וָואס אִיז מִיר גִיבְּלִיבְּן.

**הָאט** עֶס דֶעם בֶּערְגִיר זֵייעֶר אָנְגִיחַאפְּט בַּיים הַארְץ. אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גְרוֹיס רַחְמָנוּת גִיהַאט אוֹיף דֶעם אָרוּם מַאן. מַחְמַת עֶר הָאט גִיזֶעהְן זַיין בִּיטֶערְנִישׁ. **עֶר טְרוֹיעֶרְט זֵייעֶר.**

**אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען** (דֶער בֶּערְגִיר) אוּן הָאט גִיטָאן **אַ וִוילְדֶע זַאךְ** אוּן סֶע אִיז טַאקֶע גְוֶוען צוּם אֶמֶת אַ שִׁגָעוֹן. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיפְרֶעגְט אִין וֶועלְכֶער מְדִינָה סֶע וואוֹינְט דֶער יֶעדְנִירַאל. אוּן אִיז אַהִין גִיפָארְן.

**אוּן עֶר הָאט גִיטָאן אַ וִוילְדֶע זַאךְ.** אוּן עֶר אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּם יֶעדְנִירַאל אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. אוּן דָארְט פַאר דֶעם יֶעדְנִירַאל שְׁטֵייעֶן זִיךְ וַואכִין. אוּן עֶר מַחְמַת זֵייעֶר גְרוֹיס **בְּהָלָה** אִיז עֶר פְּלוּצִים מִיט גְרוֹיס **בְּהָלָה** גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גָאר נִיט אוּם גִיקוּקְט אוֹיף דִי וַואכִין.

**אוּן דִי וַואכִין** זֶענֶען אוֹיךְ דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין אוּן זֶענֶען זֵייעֶר פַּארְטוּמֶעלְט גִיוָוארִין. מַחְמַת זֵיי הָאבִּין פְּלוּצִים גִיזֶעהְן אַ מֶענְשִׁין לֶעבִּין זִיךְ מִיט גְרוֹיס **בְּהָלָה.** זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין. וִוי קוּמְט דֶער אַהֶער.

**און מַחְמַת בְּהָלָה** הָאבִּין אִים אַלֶע וַואכִין גִילָאזְט. און עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַלֶע וַואכִין בִּיז עֶר אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען צוּם יֶעדְנִירַאל אִין שְׁטוּב אַרַיין. צוּ דֶעם אָרְט וָואס זִי אִיז דָארְט גִילֶעגִין. **און עֶר אִיז גִיקוּמֶען** און עֶר הָאט זִי אוֹיף גִיוֶועקְט און הָאט צוּ אִיר גִיזָאגְט. קוּם.

**ווִי זִי הָאט אִים דֶערְזֶעהְן** אִיז זִי דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָארִין. הָאט עֶר אִיר גִיזָאגְט. תֵּיכֶּף קוּם מִיט מִיר. אִיז זִי מִיט אִים גִיגַאנְגֶען. זֶענֶען זֵיי אִיצְט אוֹיף אַרִיבֶּער אִיבֶּער אַלֶע וַואכִין בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיקוּמֶען.

**דֶערְנָאךְ** הָאט עֶר זִיךְ עֶרְשְׁט אַרוּם גִיקוּקְט און עֶר הָאט זִיךְ עֶרְשְׁט דֶערְמַאנְט וָואס עֶר הָאט דָא גִיטָאן. **אַזוֹי אַ ווּילְדֶע זַאךְ.** און עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא וֶועט בְּוַודַאי תֵּיכֶּף וֶוערִין אַ גְרוֹיס גִיפִּילְדֶער בַּיי דֶעם יֶעדְנִירַאל. און סֶע אִיז טַאקֶע אַזוֹי גִיוֶוען. סֶע גִיוָוארִין תֵּיכֶּף אַ גְרוֹיס גִיפִּילְדֶער בַּאם יֶעדְנִירַאל.

**אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער בֶּערְגֶער.** און הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטִין מִיט אִיר אִין אַ גְרוּבּ וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען רֶעגִין וַואסֶער. בִּיז דֶער רַעשׁ וֶועט אִיבֶּער גֵיין. און עֶר הָאט דָארְט מִיט אִיר גִיזָאמְט **צְווֵיי טָאג.** הָאט זִי גִיזֶעהְן דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ וָואס עֶר הָאט פוּן אִירֶעט וֶועגִין. און דִי צָרוֹת וָואס עֶר לַייט אִיבֶּער אִיר.

**הָאט זִי גִישְׁווָאוּירִין בַּיי גָאט.** אַז גָאר אִיר מַזָל וָואס זִי הָאט. אֶפְשֶׁר הָאט זִי עֶפֶּעס אַמַזָל. אַז זִי זָאל הָאבִּין גְרוֹיס גְדוּלָה. און הַצְלָחָה. **זָאל גָאר אִיר הַצְלָחָה. נִיט זַיין פַארְמִיטִין פוּן אִים** (דְהַיְינוּ פוּן דֶעם בֶּערְגֶער) און אַז עֶר וֶועט וֶועלִין זִיךְ נֶעמֶען גָאר אִיר הַצְלָחָה מִיט אִיר גְדוּלָה. און זִי זָאל בְּלַייבִּין אַזוֹי ווִי פְּרִיר. זָאל עֶס פוּן אִים גָאר נִיט פַארְמִיטִין זַיין. לוּשְׁמִיר ווִי נֶעמְט מֶען דָארְט עֵדוּת.

**הָאט** זִי גִינוּמֶען דֶעם גְרוּבּ פַאר אֵיין עֵדוּת. נָאךְ צְווֵיי טָאג. אִיז עֶר מִיט אִיר פוּן דָארְט אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען און אִיז ווַייטֶער גִיגַאנְגֶען. און עֶר אִיז מִיט אִיר ווַייטֶער ווַייטֶער גִיגַאנְגֶען.

**און עֶר** הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָארְט. אִין דֶעם אָרְט. זוּכְט מֶען זִי אוֹיף. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען און הָאט זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטִין נָאךְ אַמָאל אִין אַ מִקְוֶה.

**הָאט זִי** זִיךְ דָארְט ווִידֶער אַמָאל דֶערְמַאנְט. דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ. און דִי צָרוֹת וָואס עֶר לַייט פוּן אִירֶעט וֶועגִין. **הָאט זִי נָאךְ אַמָאל גִישְׁווָאוּירִין.** אַזוֹי ווִי פְּרִיר. אַז גָאר אִיר מַזָל וְכוּ' כַּנַּ"ל. און הָאט גִינוּמֶען דִי **מִקְוֶה צוּ עֵדוּת.** זֶענֶען זֵיי דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען אַ קֶעגִין צְווֵיי טָאג.

**און זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען.** און זֶענֶען ווַייטֶער גִיגַאנְגֶען. הָאט עֶר ווִידֶער פַארְשְׁטַאנֶען. אַז מֶע זוּכְט דָא אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ ווִידֶער מִיט אִיר בַּאהַאלְטִין.

**און אַזוֹי** אִיז גִיוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל. וָואס עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיר אַלֶע מָאל אִין אֵיין אַנְדֶער אָרְט בַּאהַלְטִין דְהַיְינוּ **אִין זִיבְּן אִירְלֵיי וַואסֶערִין.** דְהַיְינוּ אִין אַ **גְרוּבּ** מִיט וַואסֶער און אִין אַ **מִקְוֶה** כַּנַּ"ל און **אֲגַמִים** (גִימוֹיזִיכְץ) און אַ **קְווַאל** און **נְחָלִים** (רִיטְשְׁקֶעס) און **נְהָרוֹת** (טַייכִין) און **יַמִים.**

**און אִין אִיטְלִיכְן** אָרְט וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאהַלְטְן. הָאט זִי זִיךְ אַלְץ דֶערְמַאנְט אִין זַיין מְסִירוּת נֶפֶשׁ און דִי צָרוֹת וָואס עֶר לַייט פוּן אִירֶעט וֶועגִין און זִי הָאט **אִים גִישְׁווָאוּירִין אַלְץ.** אַז אִיר מַזָל וְכוּ' כַּנַּ"ל.

**און** זִי הָאט אַלֶע מָאל גִינוּמֶען דָאס אָרְט צוּ עֵדוּת כַּנַּ"ל. און זֵיי זֶענֶען אַלְץ אַזוֹי גִיגַאנְגֶען און זֵיי הָאבִּין זִיךְ אַלֶע מָאל בַּאהַאלְטִין אִין דִי עֶרְטֶער (הַנַּ"ל) בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם יַם.

**ווִי זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם יַם.** און דֶער בֶּערְגֶער אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר. און עֶר הָאט גִיוואוּסְט דִי גֶענְג אוֹיף דֶעם יַם הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁנִיטְן עֶר זָאל קוּמֶען אִין זַיין מְדִינָה אַרַיין בִּיז עֶר אִיז אִיבֶּער גִיפָארִין דֶעם וֶועג און אִיז אַהֵיים גִיקוּמֶען מִיט דֶעם אָרוּם מַאנְס ווַייבּ. און הָאט זִי אָפּ גִיבְּרַאכְט דֶעם אָרוּם מַאן.

# אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ____________________

טעלפון ____________________

שטאט ____________________

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צענטע מעשה (1) - פונעם בערגיר מיטן עני

**א. וואס איז דער בערגער געווען?**
- ☐ א גרויסער סוחר.
- ☐ א גרויסער עושר.
- ☐ זייער א גרויסער עושר.

**ב. וואס איז געווען דער שכן וואס האט געוואוינט נידריגער פון אים?**
- ☐ א פשוט'ער מענטש.
- ☐ זייער א גרויסער ארימאן.
- ☐ א בלוטיגער ארימאן.

**ג. וואס איז געשעהן צום בערגער נאכן חלום?**
- ☐ זיין הארץ האט אים זייער געקלאפערט.
- ☐ ס'האט אים זייער געהארט.
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ד. וואס האט פאסירט מיטן בערגער ווען דער ארימאן און זיין ווייב פלעגן קומען צו אים?**
- ☐ זיין פנים פלעגט פארענדערט (אנדערש) ווערן.
- ☐ ער איז דערשראקן געווארן.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ה. וואס האט געחלומ'ט די ווייב פון ארימאן?**
- ☐ אז זיא איז ארים און עס קומען מענטשן און מאכן פאקן פאקן.
- ☐ אז זי איז א גרויסע עשירת (עשירות'טע) און עס קומען מענטשן און מאכן פאקן פאקן.
- ☐ אז ס'זענען געקומען מענטשן און געמאכט פאקן פאקן.

**ו. וואס איז געשעהן צום בערגער נאך וואס די ווייב פון ארימאן האט דערציילט איר חלום?**
- ☐ ער איז געפאלן חלשות.
- ☐ ער איז נאך מער דערשראקן געווארן און ער איז פארטומלט געווארן .
- ☐ ער איז געווארן קראנק.

**ז. וועמען האט די ווייב פונעם בערגער גענומען צו שפאצירן?**
- ☐ נאך ווייבער.
- ☐ דעם ארימאניס ווייב.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ח. וועמען האט מען ארויסגענומען פון וואגן צום יעדניראל?**
- ☐ די ווייב פון בערגער.
- ☐ די ווייב פון ארימאן.
- ☐ איינע פון אירע חבר'טעס.

**ט. וואס האט דער בערגער געטאן איר ארויסצונעמען?**
- ☐ ער האט געדאווענט.
- ☐ ער האט געטאן א ווילדע זאך.
- ☐ ער האט געטאן א אינטערסאנטע זאך.

**י. האט דער בערגער מצליח געווען איר ארויסצונעמען פון הויז פון יעדניראל?**
- ☐ יא.
- ☐ ניין.
- ☐ יא, נאר דער יעדניראל האט איר צוריקגעכאפט.

**יא. וואו האט זיך דער בערגער צום ערשט באהאלטן?**
- ☐ אין א הייל.
- ☐ אין א מקוה.
- ☐ אין א גרוב.

**יב. וואס האט די ווייב פונעם ארימאן געשוואוירן?**
- ☐ אז איר גאנצע פארמעגן וועט זי געבן פארן בערגער.
- ☐ אז אויב זי וועט האבן א קינד, וועט זי זיך משדך זיין מיט אים.
- ☐ אז איר גאנצע מזל און הצלחה, זאל ער קענען נעמען.

**יג. וועמען האט זי גענומען פאר עדות אויף דעם?**
- ☐ דער באשעפער.
- ☐ די גרוב און די מקוה.
- ☐ צוויי מענטשן וואס זענען דארט אריבערגעגאנגען.

**יד. וויפיל טעג זענען זיי געווען אין די גרוב און אין די מקוה?**
- ☐ אין גרוב זיבן טעג, און אין מקוה בערך צוויי טעג.
- ☐ אין גרוב צוויי טעג, און אין מקוה זיבן טעג.
- ☐ אין גרוב צוויי טעג, און אין מקוה בערך צוויי טעג.

**טו. אין וויפיל און אין וועלכע פלעצער האבן זיי זיך באהאלטן?**
- ☐ אין זיבן פלעצער. אין גרוב, מקוה, הייל, פעלדער, וועלדער, מדבריות, און דערפער.
- ☐ אין זיבן וואסערן. אין א גרוב, מקוה, געמויזעכטץ, קוואל, ריטשקעס, טייכן, און יַמִים.
- ☐ אין צוויי פלעצער. אין א גרוב, און אין א מקוה.

**טז. וואס לערנסטו זיך דערוויל ארויס פון די מעשה?**
- ☐ אז רצון ברעכט אייזן.
- ☐ מסירת נפש פאר פדיון שבויים.
- ☐ ____________________.

## אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה - מִיט אסאך הצלחה!!!

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

אריין צו גיין אין א גורל שיק די בחינה צו א פעקס אין א"י 15326519611 אדער צו: L3233287@gmail.com

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ________________

טלפון ________________

עיר ________________

# מבחן בספורי מעשיות

## מעשה י' (1) - מבערגיר ועני

**א. מה היה הבערגיר ?**
- ❑ סוחר גדול
- ❑ עשיר גדול
- ❑ עשיר מופלג מאוד

**ב. מה היה השכן מלמטה?**
- ❑ איש פשוט
- ❑ עני גדול מאוד
- ❑ עני מרוד

**ג. מה קרה לבערגיר אחר החלום?**
- ❑ היה לבו נוקפו
- ❑ חרה לו הדבר מאוד מאוד
- ❑ שתי התשובות נכונות.

**ד. מה קרה לבערגיר כשהעני ואשתו הגיעו לביתו?**
- ❑ היה משתנה פניו
- ❑ נבהל מפניהם
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ה. מה חלמה אשת העני?**
- ❑ שהיא עניה ובאו אנשים לתוך ביתה ועשו פאקין פאקין (חבילות חבילות).
- ❑ שהיא עשירה גדולה ובאו אנשים לתוך ביתה ועשו פאקין פאקין (חבילות חבילות)
- ❑ שבאו אנשים לתוך ביתה ועשו פאקין פאקין (חבילות חבילות)

**ו. מה קרה לבערגיר אחרי שאשת העני ספרה לו חלומה ?**
- ❑ נפל חלשות
- ❑ נבהל ונשתומם יותר
- ❑ נפל למשכב

**ז. את מי לקחה אשת הבערגיר לטייל?**
- ❑ את רעותיה
- ❑ את אשת העני
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ח. את מי לקח היעדניראל בדרך?**
- ❑ אשת הבערגיר
- ❑ אשת העני
- ❑ רעותיה.

**ט. מה עשה הבערגיר כדי להוציאה?**
- ❑ התפלל
- ❑ עשה דבר מבוהל
- ❑ עשה מעשה משונה

**י. הבערגיר הצליח להוציא אותה מביתו של היעדניראל?**
- ❑ כן
- ❑ לא
- ❑ הוציא אותה והידניראל תפס אותה שוב

**יא. היכן הטמין עצמו הבערגיר בפעם הראשונה?**
- ❑ בתוך מערה
- ❑ בתוך מקוה
- ❑ בתוך בור

**יב. מה נשבעה אשת העני לבערגיר?**
- ❑ שכל ממון שיהיה לה היא תתן לבערגיר
- ❑ שאם יוולד לה בת היא תשתדך עם הבערגיר
- ❑ כל מזל והצלחה שיהיה לה, לא ימנע ממנו

**יג. את מי לקחה לעדות על זה?**
- ❑ את השם יתברך
- ❑ את הבור והמקוה
- ❑ שני אנשים שעברו שם

**יד. כמה ימים היה הבערגיר עם אשת העני בבור ובמקוה?**
- ❑ בבור שבעה ימים בערך, ובמקוה שני ימים
- ❑ בבור שני ימים ובמקוה שבעה ימים
- ❑ בבור שני ימים ובמקוה בערך שני ימים

**טו. ובכמה ובאיזה מקומות הטמין עצמו הבערגיר?**
- ❑ בשבעה מקומות, בבור במקוה במערות בשדות ביערות במדברות ובנחלים
- ❑ בשבעה מקומות של מים, בבור במקוה באגמים במעין בנחלים בנהרות בימים
- ❑ בשני מקומות בבור ובמקוה

**טז. מה אתה לומד מהסיפור בינתיים?**
- ❑ שאין דבר העומד בפני הרצון
- ❑ מסירות נפש בשביל פדיון שבוים
- ❑ ________________.

**וְהָיָה שִׂמְחָה גְּדוֹלָה שָׁם - בהצלחה!!!**

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 15326519611 או ל: L3233287@gmail.com